# פרשת תרומה ל' שבט – ו' אדר תשע"ז לפ"ק

***יום ראשון פרשת תרומה***

אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **בנימין שאלאמאן** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד בסנדקאות ומוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** שטייט אין סוף פון די פארגאנגענע פרשה (שמות כד-יב) אז דער אייבערשטער האט געגעבן פאר משה רבינו די לוחות האבן, והתורה והמצוה אשר כתבתי להורותם. רש"י ברענגט צו פון **רבי סעדיה גאון**, אז אלע תרי"ג מצוות פון די תורה זענען מרומז אין די ווערטער פון די לוחות. רש"י איז נישט מסביר ווי אזוי, אבער עס איז דא א רמז אין די לוחות אויף די גאנצע תורה.

**עס** שטייט אין **בעל הטורים** (שמות כ-יד), אז אין די עשרת הדברות איז דא זעקס הונדערט און צוואנציג אותיות, אזוי ווי די מנין פון כת"ר. ווייל עס איז דא תרי"ג מצוות מן התורה, און זיבן מצות דרבנן, צוזאמען איז עס זעקס הונדערט און צוואנציג. און יעדע אות פון די עשרת הדברות איז מכוון אקעגן איין מצוה. - דער **בני יששכר** (כסלו י-ה) זאגט, אז אין די לעצטע זיבן אותיות פון די עשרת הדברות, איז מרומז די זיבן מצות דרבנן. די לעצטע מצוה וואס די חכמים האבן מתקן געווען, איז די מצוה פון חנוכה, און דאס איז אקעגן די כ"ף פון די ווערטער אשר לרעך (שמות כ-יד). כ"ף איז די אותיות פ"ך, דאס איז א רמז אויף די פך שמן. נר חנוכה שהניחה למעלה מכ' פסולה (שבת כא:), די אות כ"ף ווייזט אויף די לעצטע מצוה פון די שבע מצות דרבנן.

**קומט** אויס לויטן **בני יששכר**, אז יעדע אות פון די עשרת הדברות גייט לויט די סדר פון די מצות התורה. אויב די לעצטע זיבן אותיות איז אקעגן די שבע מצות דרבנן, איז טייטש אז דער א' פון אנכי איז אקעגן די ערשטע מצוה, דער נ' דאס איז אקעגן די צווייטע מצוה. די צווייטע מצוה איז מצות מילה. וואס פאר א שייכות האט די אות נ' מיט די מצוה פון מילה.

**מען** געפונט אויך, אז מילה ווערט אנגערופן, 'זאת' בריתי (בראשית יז-י). אין מדרש (ויק"ר כא-ו) שטייט, בזאת יבא אהרן אל הקודש (ויקרא טז-ג), אז ער איז אריינגעגאנגען אין קדשי קדשים אין זכות פון מצות מילה, וואס ווערט אנגערופן 'זאת' בריתי. פארוואס ווערט מצות מילה אנגערופן 'זאת'?

**עס** קען זיין א ענין דערין. די גמרא (ראש השנה כא:) זאגט, חמשים שערי בינה נבראו בעולם, וכולן ניתנו למשה, אלעס האט מען געגעבן פאר משה רבינו, חסר אחת, אויסער איינס. ער האט נאר געהאט מ"ט שערי בינה. שנאמר (תהלים ח-ו) ותחסרהו מעט מאלקים, דער באשעפער האט אים מחסיר געווען עפעס וויניגער. עס שטייט פונעם **אר"י הק'**, אז בשעת דער אייבערשטער האט געמאכט משה רבינו פאר א חכם, האט אים דער אייבערשטער געגעבן אלע חמשים שערי בינה. און ווען יודען האבען געזינדיגט ביי חטא העגל, האט מען צוגענומען פון אים דעם שער החמשים, און ער איז געבליבן נאר מיט ניין און פערציג. לך רד כי שחת עמך (שמות לב-ז), 'לך' איז פופציג, לך רד, דו ווערסט האבן א ירידה אין דעם פופציגסטן שער. זאגט דער **אר"י הק'**, חמשים שערי בינה נבראו בעולם, וכולן ניתנו למשה, משה רבינו האט קודם באקומען אלעס, און שפעטער איז געווען חסר אחת, שפעטער האט מען צוגענומען פון אים איין שער, און ער איז נאר געבליבן מיט ניין און פערציג.

**עס** שטייט אין **מגלה עמוקות** (אופן יב), אז אפילו מען האט צוגענומען פון משה רבינו דעם פופציגסטן שער, אבער בשעת זיין הסתלקות האט עס אים דער אייבערשטער צוריק געגעבן, כדי ער זאל צוריק קומען אויבן אין הימל בשלימות, און עס זאל אים גארנישט פעלן. ויעל מערבות מואב, משה רבינו איז ארויפגעגאנגען פון ערבות מואב, אל הר נבו (דברים לד-א), צום בארג נבו. זאגט ער, 'מואב' דאס איז ניין און פערציג, 'נבו' דאס איז נ' בו. 'ויעל משה מערבות מואב', משה רבינו האט געהאט א עליה פונעם ניין און פערציגסטען שער, 'אל הר נבו', און ער האט צוריק

באקומען דעם פופציגסטען שער וואס האט אים געפעלט. - יהושע האט זוכה געווען מקבל צו זיין פון משה אפילו דעם פופציגסטען שער אויך. וועגן דעם האט ער געהייסן יהושע ב"ן נו"ן, ווייל ער האט זוכה געווען מקבל צו זיין דעם שער הנו"ן.

**איך** האב געזען אין **מעשה רוקח** (פ' וילך) וואס ער פרעגט, אויב האט משה רבינו נישט געהאט נאר ניין און פערציג שערים, ווי אזוי האט יהושע געקענט זוכה זיין צו פופציג שערים. זאגט ער, אז ווען מען האט צוריק געגעבן פאר משה רבינו דעם פופציגסטען שער אויפן הר נבו, דעמאלטס האט עס יהושע איבערגענומען פון משה רבינו. זאגט דער **מעשה רוקח**, אז משה רבינו האט נאר געשריבן די תורה ביז וימת שם משה, און די לעצטע אכט פסוקים פון וימת שם משה, איז דא איין דיעה איז די גמרא (מנחות ל.) אז יהושע בן נון האט עס געשריבן. זאגט דער **מעשה רוקח**, אז אין די לעצטע אכט פסוקים פון די תורה וואס יהושע האט געשריבן, דארט ליגט די כח פון די חמשים שערי בינה. משה רבינו האט נאר געשריבן וואס ער האט משיג געווען אין די מ"ט שערי בינה, ער האט נישט געהאט דעם פופציג'סטן שער, אבער ווען עס איז געווען ויעל משה אל הר נבו, דעמאלטס האט יהושע זוכה געווען צו די חמשים שערי בינה, האט יהושע בן נון געקענט שרייבן די לעצטע אכט פסוקים וואס איז דא פון וימת שם משה, ווייל דארט ליגט דער כח פון די חמשים שערי בינה. אזויפיל שטייט אין **מעשה רוקח**.

**עס** קען אפשר זיין, דער **חתם סופר** שרייבט (בדרשות לשמחת תורה דרוש ט"ז), אז פון וימת שם משה, ביז סוף פון די תורה, וואס לויטן **מעשה רוקח** ליגט אין די פסוקים די חמשים שערי בינה, איז דא פיר הונדערט און אכט אותיות, די מספר פון זא"ת. - עס שטייט אין **ערבי נחל** (דרוש ב' לפסח), אז איינמאל שטייט (מסכת סופרים פרק ו) אז עס איז דא מ"ט פנים לתורה, און איינמאל שטייט (אותיות דרבי עקיבא, במדב"ר יג-טו) אז עס איז דא שבעים פנים לתורה. זאגט דער **ערבי נחל**, אז מ"ט פנים לתורה דאס איז אין די מ"ט שערי בינה, און דער פופציגסטער שער האט אין זיך נאך כ"א פנים לתורה, און צוזאמען איז עס שבעים פנים לתורה.

**מען** זאגט ביי הלל (תהלים קיח-כג) מאת ה' היתה זאת היא נפלאת בעינינו. 'מאת ה' היתה זא"ת', די לעצטע פיר הונדערט און אכט אותיות פון וימת שם משה, וואס איז כמנין זא"ת, דאס האט אונז דער אייבערשטער געגעבן, 'היא נפלא"ת בעינינ"ו', אין די זא"ת פסוקים פון וימת שם משה, דארט ליגט די פלאות וואס איז דא אין די ע' פנים לתורה.

**זוכה** זיין צו תורה קען מען נישט נאר דורך די מצוה פון מילה. אזוי שטייט אין מדרש תנחומא (משפטים ה), און אין **דעת זקנים** (פ' משפטים), אז א גר האט זיך מגייר געווען, און דער מלך האט אים געפרעגט, פארוואס האסטו זיך געדארפט מל'ן. האט ער געזאגט, מגיד דבריו ליעקב וגו', לא עשה כן לכל גוי ומשפטים בל ידעום (תהלים קמז-יט) ווילאנג מען מל'ט זיך נישט אזוי ווי יעקב, קען מען נישט זוכה זיין צו תורה. און אפילו מען קען יא זוכה זיין צו תורה, אבער צו די חמשים שערי בינה קען מען זיכער נישט זוכה זיין נאר דורך קדושת המילה.

**וועגן** דעם ווערט די מצוה פון מילה אנגערופן 'זאת בריתי', ווייל דורך ברית קען א מענטש צוקומען צו די השגה פון די תורה, אפילו אין די חמשים שערי בינה. דער כח פון די חמשים שערי בינה, איז דאך דער מספר פון זא"ת אותיות. זאת בריתי, דורך ברית קען מען צוקומען צו די זא"ת אותיות פון דעם פופציגסטן שער.

**קומט** דאך אויס, אז דורך די מצוה פון מילה קען א מענטש זוכה זיין צו די העכסטע השגה אין תורה. די העכסטע השגה אין תורה איז די חמשים שערי בינה. וועגן דעם איז מצות מילה מרומז אין די אות נ' פון אנכי, ווייל נ' איז רומז אויף די נ' שערי בינה, און דורך מילה קען א יוד צוקומען צו די השגה פון די תורה אין די נ' שערי בינה.

*

**משנכנס** אדר מרבין בשמחה (תענית כט.), מען דארף שוין אנהייבן צו זיין פרייליך, און יעדן טאג פון דעם חודש דארף מען עפעס מרבה זיין אין שמחה. עס איז דא א חיוב פון חז"ל אז מען דארף מרבה זיין אין שמחה. איך האב געזען שטיין פון **רבי חיים קניבסקי זאל זיין געזונט**, אז זיין טאכטער

האט אים אמאל געפרעגט, אז מען זאגט (מגילה כח:) כל השונה הלכות בכל יום מובטח לו שהוא בן עולם הבא, אז מען לערנט יעדן טאג א הלכה, איז מען מובטח אז מען איז א בן עולם הבא. האט זי געבעטן פונעם פאטער, אז דער פאטער זאל איר געבן צוויי הלכות וואס זי זאל לערנען יעדן טאג, אז זי זאל אויך קענען זיין מובטח שהיא בן עולם הבא. האט ער איר געזאגט, איך וועל דיר געבן צוויי גרינגע הלכות, משנכנס אדר מרבין בשמחה, און משנכנס אב ממעטין בשמחה (תענית כו.). דו זאלסט יעדן טאג זאגן די צוויי הלכות, וועסטו זוכה זיין צו עולם הבא. - עכ"פ עס איז נישט גענוג אז מען זאגט עס, מען דארף עס טון למעשה. זאל דער באשעפער העלפן, אז עס זאל זיין שמחות ביי אלע יודישע שטובער, ששון זו מילה (מגילה טז:), די מילה זאל ברענגען שמחה און פרייליכקייט. און מיר אלע זאלן זוכה זיין, אינאיינעם אקעגן גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך.

אחר השיעור חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והלך לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **יעקב גליק** ע"ה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של החתן **אפרים שלום** נ"ו בן הר"ר **מנחם הארטמאן** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **מרדכי לייב מיטטעלמאן** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין.

אחר החופה נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והלך לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **אהרן עלבויגען** ע"ה.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' נטילת ידים סימן קס"ה סעיף ב') **בבית מדרשנו**. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**רש"י** זאגט די וואך אנהייב פון די פרשה, אז עס שטייט אין פסוק (שמות כה-ב) דריי תרומות. ויקחו לי תרומה, תקחו את תרומתי, וזאת התרומה. תרומת המשכן איז געווען מאת כל איש אשר ידבנו לבו, יעדער האט געקענט געבן וויפיל ער וויל, און מען האט נישט געצווינגען קיינעם צו געבן. ווען א מענטש האט געזאגט, איך וויל נישט האבן א חלק אינעם בנין המשכן, איז נישט געווען א חיוב אז ער דארף געבן, עס איז נאר געווען א נדבת הלב. איין חלק איז געווען וואס יעדער יוד האט געדארפט געבן, דאס איז געווען צוויי מחצית השקל'ס. איין מחצית השקל איז געגאנגען פאר די קרבנות, כדי מען זאל האבן פון וואו מקריב צו זיין די קרבנות. און די צווייטע מחצית השקל איז געווען וואס מען האט געגעבן צו בויען די אדנים פון די משכן. אזוי שטייט אין פרשת פקודי (לח-כה), אז די זילבער פון די אדנים איז געקומען פון די מחצית השקל וואס יעדער האט געגעבן. קומט אויס, אז בויען די משכן איז געווען די עיקר נדבת הלב, אבער עס איז דאך געווען אז יעדער יוד האט געהאט עפעס א חיוב צו שטייער צו געבן צו די משכן. און אין די אדנים פון די משכן, האט יעדער יוד געהאט א חלק.

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, אז דער אייבערשטער האט געהייסן מען זאל בויען די משכן נאר מיט נדבת הלב, ווייל לי הכסף ולי הזהב נאום ה' (חגי ב-ח), דער אייבערשטער דארף נישט אונזער געלט. אז ער וויל בויען א משכן קען ער זיך א עצה געבן, און אראפשטעלן א משכן אז עס זאל קומען בנוי מן השמים, אזוי ווי עס וועט זיין לעתיד. א משכן ווערט נאר געבויט פון נדבת הלב פון יודען, דער אייבערשטער האט געזעהן די אהבה וואס א יוד האט צום רבונו של עולם, ער נעמט זיין געלט, און ער גיט עס אוועק צו בויען א משכן, דאס האט אריינגעברענגט די קדושה אינעם משכן, אז עס זאל זיין א מקום פון השראת השכינה. דער **אלשיך הק'** זאגט, תוכו רצוף אהבה מבנות ירושלים (שיר ג-י). 'תוכו', דער תוך פונעם משכן, איז געווען 'רצוף אהבה'. די ליבשאפט וואס יודען האבען געהאט צום אייבערשטען, דאס האט אריינגעגעבן די חיות אינעם משכן. האט דער אייבערשטער געזאגט, איך גיי נישט צווינגען מענטשען צו געבן געלט צו בויען א משכן, ווייל דאס וועט נישט מאכן די קדושה פונעם משכן. - אויב אזוי, פארוואס האט מען יא

געצווינגען אז יעדער האט געמוזט געבן א מחצית השקל, זה יתנו כל העבר על הפקודים מחצית השקל וגו' העשיר לא ירבה והדל לא ימעיט (שמות ל-יג), עס איז געווען א חיוב, וואס יעדער האט געדארפט געבן.

**עס** קען זיין, מען געפונט ווען יודען זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים, האבן זיי געזאגט שירה, זה א-לי ואנוהו, אלקי אבי וארוממנהו (שמות טו-ב). אין פשט אין רש"י איז, און דער תרגום טייטשט אזוי, אז ואנוהו איז א לשון פון נוה, א לשון פון א בית המקדש, ואת נוהו השמו (תהלים עט-ז). ואנוהו, אונז גיי מיר בויען א בית המקדש פארן אייבערשטען. קומט אויס אז ווען מען איז אדורך דעם ים, האט זיך יעדער מחייב געווען אז ער גייט בויען א בית המקדש. און עס איז דא א מצוה מוצא שפתיך תשמור (דברים כג-כד), א יוד איז מחויב צו טון וואס ער האט געזאגט, קומט אויס אז אלץ דעם חיוב פון מוצא שפתיך תשמור, איז געווען א חיוב אויף יעדן יוד צו געבן געלט צו בויען א בית המקדש. דו האסט געזאגט ואנוהו, אז דו גייסט בויען א בית המקדש, מוזטו עפעס געבן פארן בית המקדש. די תורה האט נישט מחייב געווען צו געבן מער ווי א קלייניגקייט, און מיט דעם האט ער מקיים געווען דעם מוצא שפתיך תשמור, ער האט געגעבן צום בנין המשכן, אבער די עיקר געלט וואס מען האט געדארפט האבן צום בנין המשכן, איז געקומען מיט נדיבת הלב. - ווענן דעם שטייט אין ירושלמי (שקלים א-ב) זה יתנו כל העובר על הפקודים, כל דעבר בימא. דער וואס איז אדורכגעגאנגן דעם ים, דער זאל געבן די מחצית השקל. ווייל די וואס זענען אדורכגעגאנגען דעם ים האבן געזאגט שירה, און אין די שירה האבן זיי געזאגט אז זיי גייען בויען א משכן פארן אייבערשטען, דארפן זיי מקיים זיין וואס זיי האבן געזאגט.

*

**די** פסוק אין די שירה דארף אבער האבן א ביאור. זיי האבן קודם געזאגט, אשירה לה' כי גאה גאה, סוס ורוכבו רמה בים (טו-א), דער אייבערשטער האט אריינגעווארפן דעם סוס און דעם רוכב אינעם ים. און נאכדעם האבן זיי געזאגט, זה א-לי ואנוהו, אונז גיי מיר אים בויען א בית המקדש. וואס האט צוטון סוס ורוכבו רמה בים, מיט זה א-לי ואנוהו, אז אונז גיי מיר בויען א בית המקדש.

**רש"י** טייטשט 'רמה' איז א לשון פון רם, דערהויבן. לכאורה זענען זיי דאך אראפגעגאנגען אין ים, וואלט געדארפט שטיין 'ירה' בים. זאגט רש"י אז עס איז געווען ביידע. דער אייבערשטער האט זיי געגעבן חיות, אז זיי זענען ארויף און אראפ אינעם ים, כדי זיי זאלן ליידן יסורים אויף דעם וואס זיי האבן שלעכטס געטון פאר יודען. סוס ורוכבו רמה בים, נאכדעם וואס זיי זענען געווען אונטען, זענען זיי צוריק ארויפגעקומען. און דאס דארף אויך האבן א ביאור. ווייל בשלמא ווען א מלך בשר ודם וויל איינעם פייניגן, מוז ער אים לאזן לעבן כדי ער זאל אים קענען מער פייניגן, ווייל אויב ער וועט אים הרג'ענען, קען ער אים מער נישט פייניגן. אבער דער רבונו של עולם האט דעם מענטש אינדערהאנט אפילו נאכן שטארבן אויך, ער האט געגנוג גיהנם'ס אויבן, וואס ער קען זיך א עצה געבן אז ער וויל געבן יסורים. וואס האט אויסגעפעלט אז זיי זאלן בלייבן לעבן. זאלן זיי שטארבן תיכף, און אז ער וויל זיי שטראפן, טרעפט ער זיי שפעטער אויך, און ער קען זיי דעמאלטס שטראפן. פארוואס האט דער אייבערשטער געמאכט, אז מען איז נישט געשטארבן תיכף.

**עס** קען זיין אז דער ענין דערפון איז, דוד המלך האט געהאט גרויס השתוקקות צו בויען דעם בית המקדש. און דער אייבערשטער האט אים געזאגט, דו וועסט נישט בויען דעם בית המקדש, נאר דיין זון שלמה וועט בויען דעם בית המקדש, ווייל דם לרוב שפכת (דבה"י א כב-ח), דו האסט פארגאסן אסאך בלוט אין מלחמות, און איינער וואס האט פארגאסן בלוט, קען נישט בויען א בית המקדש פארן אייבערשטען. אין די צייטן פון דיין זון שלמה וועט זיין מנוחה, ער וועט בויען דעם בית המקדש. קומט אויס, אז דער וואס פארגיסט יענעמס בלוט, קען נישט בויען א משכן פארן אייבערשטען.

**דער** אייבערשטער האט געהייסען פאר משה רבינו ביי קריאת ים סוף, נטה את ידך על הים (יד-כו) און די וואסער וועט צוריקגיין אויף די מצרים. אויב משה

רבינו גייט הרג'נען די מצרים, ווער דאך לכאורה משה רבינו נישט קענען שפעטער בויען א בית המקדש פארן אייבערשטען, ווייל דם לרוב שפכת, ער האט פארגאסן די בלוט פון די מצרים. און אז משה רבינו קען נישט בויען די משכן, איז נישט דא קיין משכן, ווייל רש"י (לט-לג) זאגט, אז קיינער האט נישט געקענט אויפבויען דעם בית המקדש, און מען האט עס געברענגט צו משה רבינו, און משה רבינו האט עס אויפגעשטעלט. ויקם משה את המשכן, משה רבינו האט עס אויפגעשטעלט. און אויב משה רבינו וועט זיין דער וואס האט געהרג'ט די מצריים, קען ער נישט בויען דעם משכן, איז נישט דא קיין בית המקדש.

**ווען** יודען האבן געזען, אז דער אייבערשטער זאגט פאר משה רבינו, אז ער זאל לייגן די הענט אויפן ים און ער זאל הרג'נען די מצריים, זענען זיי געווען פארצווייפלט, ווייל עס קומט אויס, אז מען גייט נישט קענען בויען א משכן פארן אייבערשטען. די גמרא (חולין טז.) זאגט אבער, אז ווען איינער האט גענומען דעם חבר און ער האט אים געבינדען, און ער האט אים געלייגט נעבן א בידקא דמיא, נעבן א פלאץ וואו עס איז דא א שטאפער מיט וואסער, און ער האט אוועקגענומען דעם שטאפער, און די וואסער איז ארויפגעקומען אויף אים, און עס האט אים געהרג'ט, איז ער חייב. ווייל די וואסער איז גירא דיליה, דאס איז אזוי ווי זיין קויל, דו האסט אים געהרג'ט, דו האסט גענומען די וואסער און ארויפגעלייגט אויף אים. דאס איז אבער נאר ווען ער איז געהרג'ט געווארן בכח ראשון, תיכף ווען די וואסער איז ארויסגעקומען איז עס גראד אנגעקומען אויף דעם מענטש, און עס האט אים געהרג'ט. אבער טאמער ער האט אים געלייגט א גאס אוועק, און ער האט געלאזט רינען די וואסער ביז עס האט אים געהרג'ט, איז ער פטור, ווייל דאס איז שוין נישט זיין כח, דאס איז שוין א גרמא. דער צווייטער כח ווערט נישט גערעכנט פאר זיין מעשה.

**ווען** די מצריים וואלטן געשטארבן תיכף ווען די וואסער וואלט צוריקגעגאנגען אויף זיי, קען משה רבינו נישט בויען א משכן. אבער די מצריים זענען נישט געשטארבען תיכף, זיי זענען געווען 'רמה בים, זיי זענען געגאנגען אראפ און ארויף, עס האט גענומען צייט ביז זיי זענען געשטארבן, קומט אויס אז משה רבינו האט זיי נישט געהרג'ט, ווייל ער האט נאר צוריקגעלייגט די וואסער, און דאס וואס זיי זענען געשטארבען, איז נאר א כוח שני, יעצט קען שוין משה רבינו בויען א משכן פארן אייבערשטען, ווייל ער האט זיי נישט געהרג'ט.

**יודען** האבן געזאגט 'אשירה לה', אונז גיי מיר זאגן שירה, ווייל 'סוס ורוכבו רמה בים', זיי זענען נישט געשטארבען תיכף, נאר סוס ורוכבו 'רמה' בים, דער אייבערשטער האט זיי אויפגעהויבן און נאכדעם האט ער זיי צוריק אראפגעווארפען אין ים. און אז זיי זענען נישט געשטארבען תיכף, האט משה רבינו נישט געהרג'ט די מצריים. און אז משה רבינו האט נישט געהרג'ט די מצריים, קען ער בויען דעם בית המקדש. אז עס איז געווען 'סוס ורוכבו רמ"ה בים', איז 'זה א-לי ואנוהו', אבני ליה מקדשא, יעצט וועט מען קענען בויען א בית המקדש. ווען עס וואלט נישט געווען 'רמה בים', וואלט מען נישט געקענט בויען א בית המקדש. אבער אז עס איז געווען 'רמה' בים, אז זיי זענען נישט געשטארבען תיכף, קען משה רבינו בויען א משכן פארן אייבערשטען.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של הבחור **צבי** ני"ו בן הר"ר **ישראל שעכטער** הי"ו, שהתקיים באולם בית שרה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה, ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם (כה-ח), בתוכו לא נאמר אלא בתוכם, בתוך כל אחד ואחד מישראל. די מצוה פון ועשו לי מקדש איז נישטא היינט, מיר האבן נישט היינט א בית המקדש, אבער יעדער יוד קען זיך מאכן א מקדש פארן אייבערשטען. ככל אשר אני מראה אותך את תבנית המשכן ואת תבנית כל כליו, וכן תעשו, לדורות. מען דארף זיך אראפלערנען פון די כלים פון די מקדש, ווי אזוי מען קען ווערן אליין א מקדש פארן אייבערשטען. וכן תעשו לדורות, און

אזוי דארף מען טון פאר די קינדער, פאר די דורות, מחנך זיין די קינדער אז זיי זאלן זיין א מקדש פארן אייבערשטען.

**צווישן** די כלים וואס איז געווען אינעם משכן, און שפעטער אין בית המקדש, איז געווען די מנורה. נאך די פרשה פון די מנורה שטייט, וראה ועשה בתבניתם אשר אתה מראה בהר (שמות כה-מ), דו זאלסט זעהן, און דו זאלסט נאכטון, אזוי ווי די תבנית וואס איך האב דיר געוויזען אויפן בארג. רש"י זאגט, אז משה רבינו איז נתקשה געווען ווי אזוי מען מאכט די מנורה, און דער אייבערשטער האט אים געוויזען א מנורה של אש, און ער האט אים געהייסען, אז ער זאל נאכטון די מנורה, אזוי ווי ער האט אים געוויזען.

**אין** הייליגע ספרים שטייט, אז ביי די מנורה זעהט מען, אז עס איז געווען די גוף המנורה, דאס איז דער מיטל'דיגסטער חלק, און פון דעם זענען ארויסגעקומען די קני המנורה. עס זענען ארויסגעקומען דריי ראָרן אויף איין זייט, און דריי אויף די אנדערע זייט. און ווען מען האט געצינדן די נרות, אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות (במדבר ח-ב), האבן זיך אלע נרות געבויגען צו די מיטל'סדיגע נר. יעדע זאך קומט דאך עפעס צו לערנען.

**דער** גוף המנורה דאס ווייזט אויף די עלטערן פונעם מענטש, וואס פון זיי קומען ארויס שפעטער די דורות, וואס זענען די קני המנורה. אז מען וויל אז די קני המנורה זאלן אויך לייכטן, אז די קינדער זאלן אויסוואקסן ערליכע יודען תלמידי חכמים, אל מול פני המנורה, זאלן זיי זיך שטענדיג בייגען נאכצוקוקען ווי אזוי די עלטערן פירן זיך, און גיין אין די וועגן פון די עלטערן. ווען א יוד איז געבויגען צו די מיטלס'דיגע חלק פון די מנורה, דעמאלטס וואקסט מען אויס א מנורה. שמע בני מוסר אביך ואל תטוש תורת אמך (משלי א-ח), נישט איבערלאזן וואס מען האט געזעהן ביי די עלטערן, נאר ממשיך זיין און גיין אין דעם וועג. 'אל מול פני המנורה', ווען די קני המנורה זענען געבויגן אל מול פני המנורה, דעמאלטס 'יאירו שבעת הנרות', דעמאלטס לייכטן אלע נרות. - און דאס קומט פון ביידע זייטן, עלטערן דארפן זיך אומקוקן אויף די קינדער, און זיי מדריך זיין ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן. און די קינדער דארפן שטענדיג ארויפקוקן מיט א חשיבות אויף די עלטערן, דעמאלטס וואקסט אויס א מנורה.

**דער חתם סופר** שרייבט (בדרשות לז' אדר קמח:), אז דער פסוק זאגט, כמראה אשר הראה ה' את משה, כן עשה את המנורה (במדבר ח-ד), אזוי ווי דער מראה וואס דער אייבערשטער האט געוויזען פאר משה רבינו, אזוי האט ער געמאכט די מנורה. זאגט דער הייליגער **חתם סופר**, אז מען וויל זוכה זיין צו תורה, דארף זיין פת במלח תאכל, ומים במשורה תשתה, ועל הארץ תישן, וחיי צער תחיה, אם אתה עושה כן, אשריך בעולם הזה וטוב לך לעולם הבא (אבות ו-ד), אז מען וויל זוכה זיין צו כתרה של תרה, דארף מען פלייסיג לערנען, מקבל זיין אויף זיך עול תורה, און נישט נאכגיין נאך די תענוגים פון די וועלט. אז מען ליגט אין תורה, דעמאלטס וואקסט מען אויס א תלמיד חכם.

**בשעת** דער אייבערשטער האט איבערגעגעבן די תורה פאר משה רבינו, שטייט אין פסוק (דברים ט-ט), אז ער איז געווען פערציג טעג אין הימל, און די גאנצע פערציג טעג האט ער נישט געגעסן, און ער האט נישט געטרינקען, און אזוי האט ער זוכה געווען צו תורה. 'כמראה אשר הראה ה' את משה', אזוי ווי דער מראה וואס דער אייבערשטער האט געוויזען ביי משה רבינו ווען ער איז ארויפגעגאנגען אין הימל, אז ער איז געווען פערציג טעג אן אכילה ושתיה, 'כן עשה את המנורה', אזוי ווערט געמאכט א מנורה. אז מען וויל וואקסען צו זיין א נר מצוה ותורה אור, דארף מען זיך אראפלערנען פון משה רבינו. נישט קוקען אויף עניני עולם הזה, נאר זיך אוועקגעבן, און זיך מקדיש זיין פאר תורה.

**וראה** ועשה בתבניתם אשר אתה מראה בהר, אז דו ווילסט זיין א מנורה, זאלסטו נאכטון נאך די מראה וואס דער אייבערשטער האט געוויזען משה רבינו בהר, וואס לחם לא אכל ומים לא שתה, ער האט זיך מקדיש געווען פאר תורה. און דאס איז די מצוה פון ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם, אז מען וויל אז עס זאל זיין בתוכם, בתוך כל אחד

ואחד מישראל, ער זאל קענען זיין א מקום פון השראת השכינה, דארף זיין ככל אשר אני מראה אותך את תבנית המשכן ואת תבנית כל כליו, וכן תעשו, נאכטון די תבנית פון די כלים פון די משכן וואס דער אייבערשטער האט אונז געוויזן. די מנורה דאס ווייזט דאך אויף די קינדער, אויף די דורות. די קינדער זאלן שטענדיג ארויפקוקען אויף די וועגן וואס די עלטערן פירן זיך, און נישט אוועקגיין פון דעם וועג.

*

אחר הבר מצוה חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **יואל** (ברא"ש) **פייערווערקער** הי"ו, שהתקיים באולם מנוחה ושמחה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה, ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם (כה-ח), בתוכו לא נאמר, אלא בתוכם, בתוך כל אחד ואחד מישראל. עס איז דא א מצוה פון עשיית המקדש, מען דארף בויען א מקדש פארן אייבערשטען, וואס דארט זאל זיין א השראת השכינה. און די תורה הק' זאגט, ושכנתי בתוכם, בתוכו לא נאמר, נישט נאר אז מען זאל מאכן א מקדש, וואס עס זאל זיין א השראת השכינה אינעם משכן, עס איז נישט גענוג, נאר עס דארף אויך זיין בתוך כל אחד ואחד מישראל, יעדער יוד דארף זיך צושטעלן צו זיין א מקדש פארן אייבערשטען, אז דער באשעפער זאל קענען רוען אין אים.

**ווי** אזוי מאכט מען דעם משכן? זאגט דער פסוק, ככל אשר אני מראה אותך את תבנית המשכן, ואת תבנית כל כליו, וכן תעשו. לערן דיך אראפ פון די תבנית פון די משכן, און פון די תבנית פון די כלים, ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן, און וכן תעשו, אזוי זאלט עטץ נאכטון. דאס מיינט, אז פון יעדע כלי וואס איז געווען אין בית המקדש, איז דא א געוויסע נקודה וואס א יוד דארף זיך אראפלערנען דערפון צו זיין אייגענע עבודה, ווי אזוי ער דארף זיך צו פירן, און דאס וועט ברענגען א השראת השכינה אויפן מענטש אליין.

**די** ערשטע כלי וואס איז געווען אין בית המקדש, איז געווען דער ארון. דער ארון איז געווען אין קדשי קדשים, און עס האט געהאט כרובים וואס זענען געווען פורשי כנפים למעלה (כה-כ). די כרובים זענען געווען צורת רביא, די צורה פון קינדער (סוכה ה:). און זיי זענען געווען פניהם איש אל אחיו, איינער האט זיך געבויגן צום אנדערן, און אזוי זענען זיי געווען אויפן כפורת.

**אין** הייליגע ספרים שטייט, אז עס איז א רמז אויף דעם חינוך פון קינדער. אז מען דארף נעמען קינדער ווילאנג זיי זענען נאך א רביא, ווילאנג זיי זענען נאך קליין, און מען דארף זיי לייגן אויפן ארון, וואס דער ארון איז דער מקום התורה. זייער פלאץ דארף זיין אין א הייליגע שטוב, אין קדשי קדשים, וואס עס איז נישט דא דארט עפעס אנדערש, נאר די תורה הק' מיט די קינדער. דאס האט דער אייבערשטער געוויזן אין בית המקדש, ווי אזוי עס דארף זיין חינוך פון קינדער, אז די כרובים דארפן זיין איבער דעם ארון. - און עס דארף זיין מקשה, נישט אז מען קען עס אמאל אראפנעמען און לייגן אינדערזייט. אמאל וועט עס זיין צוזאמען, און אמאל נישט. נאר די כרובים דארפן זיין שטענדיג צוגעבינדן צום כפורת, זיי זאלן שטענדיג זיין מחובר צו די תורה.

**די** גמרא (בבא בתרא צט.) פרעגט א סתירה, אין איין פסוק שטייט (שמות כה-כ) ופניהם איש אל אחיו, אז די כרובים זענען געווען איינער אקעגן דעם אנדערן, און אין א צווייטע פסוק (דבה"י ב ג-יג) שטייט, אז די כרובים זענען געווען פניהם לבית, די פנים פון די כרובים זענען געווען אויסגעדרייט צום שטוב פונעם קדשי קדשים. זאגט די גמרא, כאן בעושין רצונו של מקום, כאן באין עושין רצונו של מקום. ווען יודען האבן זיך געפירט ערליך, און עס איז געווען דער השראת השכינה מתוך אהבה, איז געווען די כרובים פניהם איש אל אחיו, וואס דאס ווייזט אויף אהבה. אבער ווען עס איז געווען אין עושין רצונו של מקום, ווען מען האט זיך נישט געפירט ווי עס דארף צו זיין, דעמאלטס איז געווען פניהם לבית, האבן זיי זיך אויסגעדרייט, איינער אויף די זייט, און איינער אויף יענע זייט.

**און** דער רמז איז אויך אין די כרובים. די כרובים, די וואס זיצען באהלה של תורה, די וואס זיצען און לערנען, דארפן וויסען אז זייער פלאץ איז אין קדשי קדשים איבער די ארון. ופניהם איש אל אחיו, נישט ארויסקוקען פונעם ארון. פניהם איש אל אחיו איז דער טייטש, אז זיי זענען געווען מיטן פנים צום ארון די גאנצע צייט. עס האט זיי נישט אינטערעסירט וואס עס טוט זיך אינדרויסן, וואס עס טוט זיך אינעם בית, וואס עס טוט זיך אויסער דעם בית המדרש, זיי זענען געווען פניהם איש אל אחיו, ווי צוויי חברים וואס זיצען און לערנען צוזאמען.

**אמאל** איז דא וואס דער ארון געפינט זיך טאקע אין קדשי קדשים, די כרובים זענען אין קדשי קדשים, אבער דער קאפ איז נישט דארט, ופניהם אל הבית, די פנים איז אים אויסגעדרייט צו די שטוב. ער געפונט זיך טאקע דא, ווייל ער מוז דא זיין, מען האט אים אריינגעשטעלט אין א מקום צו לערנען, אבער זיין פנים דרייט זיך אויס אל הבית, וואס טוט זיך אינדרויסן, וואס טוט זיך אויף די גאס. ווען עס איז עושין רצונו של מקום, ווען מען פירט זיך ערליך, דעמאלטס איז פניהם איש אל אחיו, דעמאלטס אינטערעסירט נישט אסאך וואס עס טוט זיך אינדרויסן, נאר מען זיצט און מען לערנט מיט זיין חבר אקעגן איבער. אבער ווען עס איז אין עושין רצונו של מקום, מען איז אין בית המדרש געצווינגענערהייט, דעמאלטס איז פניהם לבית, דעמאלטס דרייט מען זיך אויס די פנים, מען וויל וויסען וואס עס טוט זיך אין די פרעמד אויך.

*

אחר הבר מצוה חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של החתן **אפרים שלום הארטמאן** נ"ו, ורקד עם החתן והמוחתנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שני פרשת תרומה***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הר"ר **יואל** (בראו"ש) **פייערווערקער** הי"ו, ולבן הר"ר **יצחק דייטש** הי"ו (לעיקוואד). אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה לבחורי הבר מצוה, ונתן להם דורן דרשה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החופה של בן הר"ר **יונתן שמעון ווינקלער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **צבי מאיר כ"ץ** הי"ו, שהתקיים באולם אור החיים וויזניץ. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין.

אחר החופה חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בן **הרה"ג רבי יעקב שלמה מייזליש שליט"א** אב"ד לימנוב, עב"ג בת **הרה"ג רבי משה יחזקאל לויפער שליט"א** אב"ד דזשיקוב, שהתקיים באולם קאנטינענטאל.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת **הרה"ג רבי שלמה יעקב זיידא אייכענשטיין שליט"א** אב"ד גאלאנטא, עב"ג בן **הרה"ג רבי משה מאסקאוויטש שליט"א** ר"י אור תורה שאץ, שהתקיים באולם עטרת אברהם.

*

***יום שלישי פרשת תרומה***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו זכרון יהודא. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **אברהם נחמיה כ"ץ** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם, אחר הברית השתתף **רבינו שליט"א** בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** פאריגע וואך, אין סוף פון די פרשה שטייט, אז דער אייבערשטער האט געגעבן די לוחות הברית פאר משה רבינו. און רש"י (כד-יב) ברענגט צו, אז אין די לוחות זענען מרומז אלע תרי"ג מצות התורה. דער **בני יששכר** (כסלו י-ה) שרייבט, אז די לוחות האבן אין זיך זעקס הונדערט און צוואנציג אותיות, אקעגן די תרי"ג מצות התורה, און זיבן מצות דרבנן. דער **בני יששכר** שרייבט עס אקעגן חנוכה, אז די לעצטע צוויי ווערטער פון די לוחות, אשר לרעך (שמות כ-יד), וואס איז זיבן אותיות,

דארט זענען מרומז די זיבן מצות דרבנן. די לעצטע מצוה וואס די חכמים האבן מתקן געווען איז חנוכה, און דאס איז מרומז אין די לעצטע כ"ף פון לרע'ך, כ"ף איז די אותיות פ"ך. און נר חנוכה טאר נישט זיין למעלה מכ' (שבת כא:).

**אז** דער **בני יששכר** זאגט, אז אלע מצות התורה ליגן אין די אותיות פון די לוחות, קומט אויס אז דער ערשטע מצוה, איז מרומז אין די א' פון א'נכי (שמות כ-ב), און די צווייטע מצוה איז מרומז אין די נ' פון אנכ"י. די צווייטע מצוה איז מצות מילה, קומט אויס אז מצות מילה איז מרומז אינעם אות נ' וואס איז דא אין די עשרת הדברות. וואס איז דער קשר צווישן מצות מילה מיט די אות נ' פון די עשרת הדברות.

**עס** קען זיין, מען האט פריער דערמאנט, אז רש"י (יז-ג) ברענגט צו, אז פאר אברהם אבינו האט זיך גע'מל'ט, ווען דער אייבערשטער האט זיך מגלה געווען צו אים, האט ער נישט געקענט שטיין. ויפול אברם על פניו (שם), ער איז געפאלען אויף זיין פנים, ווייל ווילאנג ער האט זיך נישט גע'מל'ט האט ער נישט געהאט קיין כח עמידה ווען די שכינה האט זיך מגלה געווען צו אים. און רש"י ברענגט צו, אז אזוי איז געווען ביי בלעם, בלעם האט געזאגט (במדבר כד-ד) אז ער איז מחזה שד"י יחזה, נופל וגלוי עינים. ווען ער האט געזען מחזה שד"י, איז געווען נופל, ער האט נישט געקענט שטיין, נאר ער איז געפאלען אויף די ערד, ווייל מען האט נישט קיין כח צו שטיין אקעגן די שכינה, ווילאנג מען איז נישט גע'מל'ט. אפילו אברהם אבינו איז געווען גרויס, פון דעסטוועגן דאך ויפול על פניו, איז ער געפאלן, ביז די מצוה פון מילה.

**די** גמרא (ברכות ד:) זאגט, אז אין אשרי איז אויסגערעכנט אלע אותיות, אבער דער אות נ' איז נישט אויסגערעכנט צווישן די אותיות, ווייל דארט איז דא א רמז אויף נפילה, נ'פלה לא תוסיף קום בתולת ישראל (עמוס ה-ב). און וויבאלד נ' איז א אות פון נפילה, האט עס דוד המלך נישט אריינגעלייגט אין אשרי. אבער חזר דוד וסמכן ברוח הקודש, שנאמר (תהלים קמה-יד) סומך ה' לכל הנופלים, ביי די סמיכה האט ער אריינגעשטעלט די נפילה אויף.

קומט אויס אז די אות נ' ווייזט אויף נפילה. און אז ווילאנג מען איז נישט גע'מל'ט, קען מען נישט שטיין פארן אייבערשטען, קומט אויס, אז די מצוה פון מילה, דאס נוצט אקעגן דעם ענין פון נפילה, וואס איז דא בשעת גילוי שכינה, וואס מען קען זיך נישט האלטן, און דורך די מצוה פון מילה איז נישט דא קיין נופל. וועגן דעם איז דער אות נ' מכוון אקעגן מילה, ווייל נ' ווייזט אויף נפילה, און מילה איז אקעגן דעם, ווייל ווען מען האט זיך גע'מל'ט, איז שוין נישט דא דער ויפול על פניו, וועגן דעם איז מצות מילה מרומז אין די אות נ'.

*

**על** דרך עבודה קען זיין, יעדע מענטש האט נפילות, א מענטש איז א מענטש, ער האט נסיונות, און ער פאלט אדורך. אבער קדושת המילה וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן, דאס גיט דעם כח אז א יוד זאל זיך קענען האלטן ערליך. ווען מען מל'ט א קינד, און מען ברענגט אים אריין אין קדושה, און אז מען האלט שפעטער אן די קדושה, ווי מער א יוד איז דבוק אין די קדושה, האט ער מער כוחות הנפש אז ער זאל זיך קענען האלטן בשעת ער האט א נסיון פון נפילה. וועגן דעם איז מצות מילה מרומז אין דעם אות נ', וואס נ' ווייזט אויף נפילה, און די מצוה פון מילה דאס גיט דעם כח פאר א יוד אז ער זאל זיך קענען סומך זיין בשעת ער האט א ענין פון א נפילה, בשעת ער האט א נסיון און ער פאלט פון זיין מדריגה, איז קדושת המילה מקדש דעם מענטש.

*

אחר הברית חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והלך לניחום אבלים אצל משפחת מרת וואסערמאן ע"ה (אלמנת הר"ר **שלמה מרדכי וואסערמאן** ע"ה).

***<u>מתוך השיחה:</u>***

**בנה הר"ר שמואל** : מיין טאטע האט געלערנט אין סערדאהעלי, און ער האט מיר געזאגט אז די בחורים אין סערדאהעלי זענען געגאנגען אויף די גאס, און מען האט נישט ארויסגעקוקט פון די ד' אמות.

**הגה"צ רבי אלכסנדר אליעזר זושא שיק שליט"א אב"ד אוסטראה** (וועסלי הילס): מיין זיידע **רבי מנחם זאב שיק זצ"ל** (אב"ד טאקאי) האט געלערנט בחברותא מיט **רבי משה לייב זצ"ל** (בעל **ויגד משה**), זייער חברותא'שאפט איז געווען פון צוויי ביז פינף פארטאגס. איינער האט מיר געזאגט, אז אין זיינע חידושים (בכתב יד) שטייט, והקשה חבירי רבי מנחם זאב שיק.

**רבינו:** אמאל ווען עס איז געווען ווינטער, און עס איז געווארן נאכט פינף אזייגער, האט מען נישט געהאט וואס צו טון, אפילו מען זאל וועלן טון. וואס קען מען טון אין א שטעטל, וואס מען האט קוים געהאט לעקטער, אן א טעלעפאן, און אן א צייטונג, און אן א שייכות מיט א גוי. איז מען געגאנגען שלאפן פרי, און מען איז אויפגעשטאנען אינמיטן די נאכט, און געלערנט א גאנצע נאכט. היינט איז דא אזויפיל זאכן וואס שטערן פון לערנען.

**הר"ר שמואל:** ער האט אייביג גערעדט ווי אזוי דער רבי האט געדאווענט. ביי קרבנות האט ער שפאצירט. ער איז געווען א כהן, און ער האט געזאגט די עבודה פון די קרבנות מיט א ברען.

**אב"ד אוסטראה:** מיין זיידע זצ"ל האט מיר פארציילט, אז ער איז אמאל געפארן אויף די באן צוזאמען מיטן **סערדאהעלער רב**, און ער איז געשטאנען צווישן די צוויי וואגאנען, ווייל ער האט נישט געוואלט נכשל ווערן אין קוקען וואס מען דארף נישט.

**הר"ר שמואל:** דער ברודער דער **סערדאהעלער רב שליט"א** האט מיר פארציילט א מעשה וואס איז געווען מיטן טאטן ווען ער איז געווען ביים **באבוב'ער רב זצ"ל.**

**רבינו: מיין טאטע ז"ל** איז געפארן מיט א קבוצה בחורים קיין בעלזא אויף די הייליגע טעג, און אונטערוועגנס האט ער זיך אפגעשטעלט אין די שטאט קאשוי, דארט האט מען געדארפט טוישן א באן. זענען זיי אריינגעגאנגען צום **סטראפקוב'ער רב** (**הגה"ק רבי אברהם שלום הלברשטאם זצ"ל**), זיך געזעגענען. און דער **סטראפקובער רב** האט זיי געפרעגט וואו זיי פארן. האבן זיי געענטפערט, אז זיי פארן קיין בעלזא. דער **סטראפקובער רב** איז געווען א איש אמת, וואס ער האט אינזין געהאט האט ער געזאגט. האט ער זיי געפרעגט, וואס פעלט ביי אונז, עטץ קענטס בלייבן ביי מיר אויף די הייליגע טעג. זיי האבן זיך אנגעקוקט איינער דעם אנדערן, מען האט געמאכט א פאספארט וואס האט געקאסט געלט, און יעצט זאלן זיי בלייבן דארט, האבן זיי גארנישט געענטפערט, און זיי זענען געגאנגען ווייטער.

**מיין טאטע ז"ל** האט געוואלט קענען דעם **באבוב'ער רב, רבי בנציון זצ"ל,** האט ער זיך אויפן וועג אפגעשטעלט אין טשעבין, דער **באבוב'ער רב** האט געוואוינט דעמאלטס אין טשעבין. און ער איז אריין צום **באבוב'ער רב.** און דער **באבובער רב** האט אים געפרעגט, וואס ער טוט דא? ער האט שוין מורא געהאט צו זאגן אז ער גייט קיין בעלזא, האט ער געזאגט, אז ער האט געהאט עפעס צו ערלעדיגן דא. ווען ער האט עס פארציילט פארן **באבובער רב** (**האדמו"ר מהר"ש זצ"ל**), האט אים דער **באבוב'ער רב** געזאגט, פאר מיין טאטע וואלט איר געקענט זאגן אז איר פארט קיין בעלזא, ער וואלט אייך נאך צוגעגעבן געלט אויף שפעזן אויך...

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לעיר מאנסי (שכונת עירמאנ"ט) למנוחה.

*

***יום רביעי פרשת תרומה***

בשעות הערב עבר **רבינו שליט"א** להיכל **הישיבה קטנה נועם התורה** שע"י קהלתנו הק' במאנסי, והשמיע דברות קודש ודברי הדרכה לבחורי הישיבה. אחר כך התפלל שם תפלת מעריב.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** פרשה די וואך רעדט זיך פון בויען א משכן פארן אייבערשטען. ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם, דער אייבערשטער האט געהייסן מען זאל מאכן א מקדש, וואו דער אייבערשטער וועט רוען, ככל אשר אני מראה אותך את תבנית המשכן ואת תבנית כל כליו, אזוי ווי איך וויז דיר דעם געשטאלט פון די משכן, און די געשטאלט פון די כלים, וכן תעשו (כה-ח), אזוי זאלט עטץ טון. דער **אור החיים הק'** און אנדערע מפרשים זאגן, אז דער ועשו לי מקדש איז א מצוה לדורות, עס שטייט נישט ועשו לי משכן, נאר ועשה לי מקדש.

שטענדיג איז דא א ציווי אויף יודען, אז זיי זאלן מאכן א מקדש פארן אייבערשטען. ווי מען וועט זיין, זאל זיין א בית פארן באשעפער.

**ושכנתי** בתוכם, בתוכו לא נאמר, אלא בתוכם. דער אייבערשטער זאגט נישט איך וועל רוען אינעם מקדש, נאר ושכנתי בתוכם, איך וועל רוען צווישן זיי, צווישן יודען. בתוך כל אחד ואחד מישראל, יעדער יוד קען זוכה זיין צו זיין א מקדש, צו זיין א מקום פאר השראת השכינה. יעדע מצוה אין די תורה, אויסער די פשטות פון די מצוה, ליגט דערין אויך באהאלטן א הדרכה פאר א יוד ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן. אויב עס קען זיין א מקדש פון שטיינער און פון האלץ, און עס זאל זיין דארט א השראת השכינה, איז דאך א כל שכן אז א גוף פון א יוד, וואס האט אין זיך א נשמה, א חלק אלקי ממעל, איז זיכער אז ער קען ווערן א מקדש, א מקום פון השראת השכינה.

**ווי** אזוי ווערט מען א מקדש פארן אייבערשטען? זאגט דער פסוק, ככל אשר אני מראה אותך את תבנית המשכן, ואת תבנית כל כליו, וכן תעשו, אזוי ווי איך ווייז דיך דעם פארעם פון די משכן, און די פארעם פון די כלים, אזוי זאלט עטץ טון. אז עטץ ווילטס ווערן א מקדש פארן אייבערשטען, דארף מען אפלערנען די פרשה פון תרומה, קוקן וואס עס איז געווען ביים משכן, וואס עס איז געווען די כלים אין די משכן, און עס נאכמאכן, און דעמאלטס וועט עטץ אויך ווערן א משכן. יעדע כלי וואס איז געווען אין משכן, די משכן אליין, די קרשים, און די אלע כלים וואס איז געווען דערין, פון אלעם קען זיך א יוד אראפלערנען א דרך אין עבודת ה', ווי אזוי מען דארף דינען דעם אייבערשטען, אז ער זאל קענען ווערן א מקום פון השראת השכינה.

**די** ערשטע כלי וואס איז געווען אינעם משכן, איז געווען דער ארון. דאס איז די ערשטע כלי וואס די תורה האט געהייסען מאכן. אין דעם ארון איז געווען די לוחות הברית, און עס איז געלעגן אין קדשי קדשים, דאס איז די רמז פון תורה. שלחן איז די רמז פון גשמיות, עסן, טרינקען, שלחן מלכים. דער מזבח דאס איז מסירת נפש. מנורה דאס איז נר מצוה ותורה אור. יעדע כלי האט א געוויסע נקודה וואס מען קען זיך לערנען דערפון, ווי אזוי צו ווערן א מקדש פארן אייבערשטען.

**די** ערשטע כלי איז דער ארון, וואס דארט ליגט די תורה. ווען א יוד וויל זוכה זיין צו זיין א משכן פארן באשעפער, דארף ער מקדיש זיין פאר תורה יעדע פרייע מינוט וואס ער האט. לערנען תורה, און ליגן אין לערנען, דעמאלטס ווערט ער א משכן. - דער ארון איז אנדערש פון אלע אנדערע כלים וואס איז געווען אין משכן. אין בית המקדש איז געווען מערערע כלים, דער מנורה, דער שלחן, דער מזבח, און עס איז אלעס געווען אין איין שטוב, איינס נעבן דעם צווייטען. אבער נעבן די ארון מיט די לוחות, איז נישט געווען קיין שום זאך. עס איז געווען א ליידיגע שטוב פון פיר ווענט, און עס איז געווען דארט נאר דער ארון מיט די לוחות. קדשי קדשים, א פלאץ וואס האט נישט געהאט אין זיך עפעס אנדערש, נאר תורה. א מענטש האט נישט געטארט אריינטרעטן אין קדשי קדשים, וכל אדם לא יהיה באהל מועד (ויקרא טז-יז), אזוי איז מען זוכה צו תורה. **ווען א יוד זונדערט זיך אפ פון אלעם ארום און ארום, עס אינטערעסירט אים גארנישט אויף די וועלט, עס איז נישט דא נאך א זאך וואס ער זאל קענען זיין פארנומען אויסער די תורה. א ליידיגע שטוב, ער מיט די לוחות געפונען זיך דארט. עס איז נישט דא קיינער וואס קומט אריין שטערן, מען טוט נישט מבטל זיין די צייט פאר קיינעם, דאס איז קודש קדשים, און אזוי ווערט א יוד א מקדש פארן אייבערשטען.** מען איז זיך מפקיר פאר תורה, עס איז נישט דא עפעס אנדערש, נאר תורה. אויסער ער, און זיין גמרא, און די פיר ווענט, איז נישט דא עפעס אנדערש. דאס איז דער וועג ווי אזוי א יוד טוט זיך מקדיש זיין פאר א מקדש ה'.

**אויף** די ארון זענען געווען די כרובים. די כרובים זענען צורת רביא (סוכה ה:). רביא איז א קינד, דאס דארף זיין די ערשטע עבודה פון א קינד, צו לערנען מיט אים תורה. ופניהם איש אל אחיו, איינער זיצט אקעגן דעם חבר און מען לערנט. און עס איז פניהם איש אל אחיו, **יעדער קוקט נישט אויף זיך אליין, נאר ער קוקט אויפן חבר. ווי אזוי קען איך ארויסהעלפן פארן חבר, ווי אזוי קען איך זעהן אז**

**יענער זאל אויך פארשטיין דאס לערנען. נישט אלע האבן די זעלבע כשרונות, אמאל איז דא איינער וואס איז שוואכער, און ער איז שטערקער, און מען דארף זיך אפגעבן איינער מיטן צווייטן.** די גמרא (תענית ז.) זאגט, הרבה למדתי מרבותי, איך האב אסאך געלערנט פון מיינע רבי'ס, ומחבירי יותר מרבותי, ומתלמידי יותר מכולן, ווען איך האב איבערגעגעבן פאר די תלמידים האט איך נאך מער געלערנט פון וויפיל איך האב געלערנט פון זיינע רבי'ס. **ופניהם איש אל אחיו, ווען איינער זיצט אקעגן דעם אנדערן, און ער גיט זיך אפ מיט א אנדערן. ער קוקט נישט נאר אויף זיך אליין, אז ער זאל שטייגן, און דער חבר אינטערעסירט אים נישט. נאר ווען עס איז פניהם איש אל אחיו, ווען זיין פנים איז אויסגעדרייט אל אחיו, אז דער חבר זאל אויך פארשטיין וואס מען לערנט, דאס איז דער וועג ווי אזוי עס דארף צו זיין דער ארון מיט די לוחות.**

*

**אין** משכן איז אויך געווען דער שלחן מיט די מנורה. די מנורה ווייזט אויף אויף תורה. און דער שלחן דאס איז די קדושה פון דעם טיש וואו ער עסט. זה השלחן אשר לפני ה' (יחזקאל מא-כב), **א יוד עסט אנדערש ווי א גוי. א יוד עסט ערליך, ער עסט נאר וויפיל ער דארף צו האבן, כדי ער זאל האבן כח צו דינען דעם אייבערשטען.** די תורה איז נקנית במיעוט תענוג, במיעוט שינה (אבות ו-ו), פת במלח תאכל ומים במשורה תשתה וגו' וחיי צער תחיה, ובתורה אתה עמל, אם אתה עושה כן אשריך בעולם הזה וטוב לך לעולם הבא (שם ו-ד). **מען דארף נישט ליגען אין עסן, מען דארף עסן וויפיל מען דארף, און וויפיל עס פעלט אויס פארן צורך פונעם מענטש, עס זאל אים נישט שטערן דאס לערנען. אבער אויסער דעם דארף זיין די גאנצע קאפ נאר צו קענען שטייגען אין תורה.** דער שלחן דארף זיין לפני ה' (שמות מ-כג), לחם פנים לפני תמיד (שם כה-ל), דער לחם זאל זיין שטענדיג פארן אייבערשטען.

**און** דאס זאגט די תורה, ככל אשר אני מראה אותך את תבנית המשכן ואת תבנית כל כליו, קוק די פארעם פונעם משכן, און די פארעם פון די כלים, וכן תעשו, אזוי זאלט עטץ נאכטון. אז עטץ ווילטס ווערן א מקדש פארן אייבערשטען, טוטס נאך אזוי ווי דער משכן און די כלים זענען געווען.

[**רבינו שליט"א** חזר על הדברי תורה שאמר בדינער המתיבתא במוצאי שב"ק העעל"ט, בביאור הכתוב ככל אשר אני מראה אות"ך וכו', שהכוונה שמשה רבינו הגם שנולד במדות רעות, הפך עצמו להיות מקדש ה' בעצמו].

*

**איך** וועל ענדיגן מיט נאך א נקודה וואס מען זעהט ביי די משכן. די תבנית כל כליו, דעם ארון מיט דעם שלחן, האט מען דאך פריער גערעדט, ווי אזוי א יוד דארף דאס נאכמאכן. אבער אין די תבנית המשכן אליין איז אויך דא א נקודה וואס מען קען זיך אראפלערנען. דער משכן איז געווען ארומגענומען מיט ברעטער פון דריי זייטן, און אויף דעם איז געווען א דעק. עס איז נישט געווען א געהעריגע דאך אויפן משכן, נאר עס איז געווען א מכסה פון עזים, און פון עורות אלים מאדמים, און עס איז אויך געווען א דעק פון תחש. רש"י זאגט די וואך (כה-ה), אז דער תחש איז געווען א בעל חי וואס האט געהאט זייער שיינע קאלירן, ששש ומתפאר בגוונין שלו, עס פרייט זיך, און ער רימט זיך, מיט וואס פאר א שיינע קאליר ער האט.

**נאך** שטייט אין די גמרא (שבת כח:), אז דער תחש איז א חיה וואס איז נישט געווען משששת ימי בראשית, נאר דער אייבערשטער האט עס ממציא געווען לפי שעה, כדי מען זאל קענען ניצן די פעל דערפון פארן משכן, און נאכדעם איז עס נעלם געווארן, עס איז היינט נישט דא קיין תחש. דאס איז טייטש, אז דער אייבערשטער האט ממציא געווען א נייע סארט בעל חי, וואס מען האט עס נישט גענוצט פארדעם, און מען האט עס נישט גענוצט נאכדעם, נאר כדי מען זאל קענען נעמען די פעל פון דעם תחש, און דאס ארויפלייגען אויפן דאך פון די משכן, אז עס זאל זיין זייער שיין קאלירט. וואס קומט אונז דאס לערנען? און די קשיא איז נאך שטערקער, ששש ומתפאר בגוונין שלו, ער רימט זיך, און ער פרייהט זיך, מיט וואס פאר א שיינעם קאליר ער האט, אונז ווייס מיר דאך אז די חשיבות ביים אייבערשטען איז, ענוה

מיט שפלות רוח. דער אייבערשטער האט איבערגעלאזט אלע הרים וגבעות, און ער האט נאר משרה געווען זיין שכינה אויפן בארג סיני, וואס איז נמוך שבהרים (סוטה ה.). אויף איינעם וואס איז א בעל גאוה איז אין אני והוא יכולים לדור בעולם (שם). א זאך וואס איז שש ומתפאר בגוויו, דאס זאל קומען אויפן משכן? און נאך מאכן א גאנצע בריאה, אז ער זאל ארויפקומען אויפן משכן? עס מוז דאך עפעס ליגען דערין, וואס דאס זאל אונז לערנען.

**דער** אמת איז אבער, אז ביידע זענען אמת. א יוד דארף זיין שטענדיג בענוה ובשפלות רוח, אבער עס איז דא צייטן וואס א מענטש דארף זיך האלטן שטאלץ, און ער דארף זיך האלטן גרויס, און נישט זיין א עניו, נאר ויגבה לבו בדרכי ה' (דבה"י ב יז-ו). **ווען מען קומט אריין אין בית המדרש, און ער זעהט אז דער בית המדרש איז ליידיג, זאל ער נישט טראכטן ביי זיך, איך וועל מיך יעצט זעצן לערנען? עס פאסט עפעס נישט. איך וועל דאווענען הויך? עס פאסט עפעס נישט אז קיינער דאווענט נישט הויך, און איך וועל יא דאווענען הויך.** און אזוי קומט אויס צענדליגער מאל, וואו א מענטש וויל נישט ארויסשטארן פון א צווייטען.

**ווען** עס קומט אבער צו עבודת ה', דארף נישט אזוי זיין. **צו עבודת ה' דארף זיין ויגבה לבו בדרכי ה'. אדרבה, לא יבוש מפני המלעיגים, מען טאר זיך קיינמאל נישט שעמען וויל יענער וועט אפלאכן, יענער וועט אפשפעטען פון מיר. מען דארף זיך ארויס שטעלן שטארק אין עבודת ה', און טון וואס מען דארף צו טון. אפילו אמאל קומט אריין א מחשבה וואס איז אפשר פארבינדן מיט גיאות און התרוממות, מען וועט האלטן פון מיר. איך וועל זיך פארהערן, און איך וועל קענען די מסכתא, און דער צווייטער וועט נישט קענען אזוי ווייט, איך וויל נישט ארויסשטארן פונעם צווייטען. עס איז נישט אזוי. ויגבה לבו בדרכי ה', א יוד דארף זיך האלטן שטאלץ בדרכי ה'.** די גמרא (סוטה כב:) זאגט, לעולם דארף א יוד עוסק זיין בתורה ובמצות אפילו שלא לשמה, שמתוך שלא לשמה בא לשמה. מען איז יונג, און מען קען נישט אנהייבן מיט לשמה, עס איז גוט אז מען דינט דעם אייבערשטען שלא לשמה, שמתוך שלא לשמה בא לשמה, שפעטער וועט ער צוקומען צו א מדריגה אז ער וועט זיך אויסארבעטן, און ער וועט צוקומען צו לשמה. יעצט דארף זיין די עבודה נישט נאכצולאזן פון עבודת ה', אפילו ווען מען איז אין א מצב פון שלא לשמה.

**דער** אייבערשטער האט געוואלט ווייזען, אז עס איז דא אמאל וואס עס איז חשוב ביים אייבערשטען אפילו איינער וואס איז שש ומתפאר בגוויו. יא, ער פרייהט זיך, און ער רימט זיך מיט זיין קאליר וואס ער האט. אויב דאס ברענגט צו, צו בויען א משכן פארן אייבערשטען, מעג ער זיין שש ומתפאר בגוויו. נישט זיך האלטן נידריג, נאר אדרבה ארויסשטארן און וויסען אז וואס מען טוט פארן אייבערשטען האט א חשיבות. אין וואס פאר א מצב ער איז, צו עס איז מיטן גאנצן הארץ, צו עס איז נישט מיטן גאנצן הארץ. עס וועט קומען אמאל א צייט וואס ער וועט זיך אויפארבעטן זיינע מעשים, און דעמאלטס וועט ער זיין א עובד ה' ווי עס דארף צו זיין, אבער אין די יונגע יארן דארף א מענטש אלעס טון, אז ער זאל קענען שטייגן, און נישט קוקען אויף קיין שום זייטיגע זאכן וואס טוט שטערן פון עבודת ה'. האט דער אייבערשטער געוויזען, אז א בעל חי וואס איז שש ומתפאר בגוויו שלו האט אויך א מקום אינעם משכן, אויב מען נוצט עס פאר עבודת ה'.

**ווען** מען ענדיגט א זמן, אדער מען ענדיגט א מסכתא, און מען חזר'ט עס איבער, און מען שטעלט זיך צו א פארהער, טאר מען זיך קיינמאל נישט צוריקהאלטן און זאגן, איך וויל נישט ארויסשטארן מער פון א צווייטן, און עס פאסט אפשר נישט אז מען זאל עס טון. ווען עס קומט צו תורה דארף א מענטש טון אלעס וואס איז בידו, אפילו ווען עס איז שש ומתפאר בגוויו.

**דאס** איז אנזער עבודה, ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם, מען זאל זוכה זיין זיך צו מאכן פאר א משכן פארן אייבערשטען, אז ער זאל קענען זיין א מקום פון השראת השכינה. ב"ה מען הערט זייער שיינע גריסן פון די בחורים ווי זיי לערנען פלייסיג, און שטייגען אין תורה, זאל דער אייבערשטער

געבן אז מען זאל ווייטער שטייגען אין תורה און עבודת ה', לערנען און דאווענען, און אויסנוצן יעדע מינוט וואס מען האט נאר פאר תורה. און זיין אין די בחינה פון קודש קדשים. שבט לוי זענען די וואס זיצען און לערנען, זיי האט דער אייבערשטער מקדש געווען פאר קדש קדשים, און אינעם קדשי קדשים איז נישט דא גארנישט, נאר די לוחות הברית. דארט איז נישט דא קיין שום זאך וואס זאל שטערן פון לערנען, אלעס דארף מען איבערלאזן און מפקיר זיין, און דעמאלטס איז מען זוכה לכתרה של תורה.

**מען** טרעט יעצט אריין אין חודש אדר וואס מען איז מרבה בשמחה, זאל זיין שמחות אין אונזערע שטובער, זיך קענען פרייען איינער מיטן צווייטען. און די עיקר שמחה איז, פיקודי ה' ישרים משמחי לב (תהלים יט-ט), אין די טעג דארף מען מרבה זיין בשמחה, מער אוועקגעבן פאר קדושת התורה, וואס דאס איז די אמת'דיגע שמחה, וואס א מענטש נעמט אריין אין זיך. זאל מען זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת **הרה"ג רבי חיים שלמה בערגער שליט"א** אב"ד מגדל השן ליביטשוב, עב"ג בן **הגה"צ האדמו"ר מסטאניסלאוו שליט"א** (מאנסי), שהתקיים באולם אטריום. – אחר החתונה חזר **רבינו שליט"א** למעונו בוויליאמסבורג.

*

***יום חמישי פרשת תרומה***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך, ושיעורו השבועי באור החיים הק'. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **יצחק דוד נאה** הי"ו.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק', בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר השיעור השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בן הרב **אליעזר יצחק ווייס** שליט"א, עב"ג בת הר"ר **משה יוסף רייך** הי"ו, שהתקיים באולם עדת טערעס. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***ערב שבת פרשת תרומה***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **יואל אלכסנדר** (ב"ר יעקב) **ווערצבערגער** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש ליזענסק. **רבינו שליט"א** נתכבד בסנדקאות ובמוהלות וקריאת השם, ומסר קריאת השם **להרה"ג רבי מאיר לייפער שליט"א** אב"ד ליזענסק. אחר הברית השתתף **רבינו שליט"א** בהסעודה.

*

***שבת קודש פרשת תרומה***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה, וסיפר כמה סיפורים **מהרה"ק רבי יצחק אייזיק מקאלוב זי"ע** (לרגל היומא דהילולא ביום ז' אדר). בברכת המזון נתכבד חדב"ן **הרה"ג רבי אהרן ישעי' ראזנער שליט"א**.

אחר התפלה השתתף **רבינו שליט"א** אצל הקידושא רבא לרגל הולדת הבת אצל ש"ב הרה"ג רבי **יוסף ישראל דייטש** שליט"א (בן הגה"צ אב"ד חליסה שליט"א) שהתקיים בבית המדרש נאדבורנא.

בסעודה שלישית כיבד **רבינו שליט"א** את **הגה"צ אב"ד חליסה שליט"א** בברכת המזון.